UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

## Title
List of Cultural Saturday Evenings / Reshime Fun Kulturele Shabes-Tsunakhtn

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/3kn2q4c8

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 4(1)

**Publication Date**
1953

**Copyright Information**
Copyright 1953 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# רשימה פון קולטורעלע שבת-צו-נאַכטן

## פון 27טן זמן, 1952-53, פון לאָס אַנגעלעסער יידישן קולטור קלוב

א.—שבת אָונט, דעם 20טן סעפּטעמבער, 1952, אין דורכגעפירט געוואָרן די פייערונג פונם יום-טוב ראש-השנה מיט אַ פּאַסיקער פּראָגראַם, אין וועלכער ס'האָבן אַנטייל גענומען די חברים: פאָגל, באַוואוסטער פּעדאַגאָג, אין אַן אָפּהאַנד-לונג וועגן דעם יום-טוב ראש-השנה. א. באַביטש, מ. ל. קאָפּעלאָף און י. פרידלאַנד און פּאַסיקע פאַרלייענונגען לכבוד יום-טוב.

ב.—זונטיק אָונט, דעם 5טן אָקטאָבער, האָט דער קלוב געפּראַוועט דעם סוכות יום-טוב אין דער אייגענער גרויסער סוכה, מיט אַ גרויסאַרטיקער סעודה. רבי בערנאַרד קאָהן האָט גערעדט וועגן דעם יום-טוב. די חברים קאָפּעלאָף און פרידלאַנד—אין פאַרלייענונגען פון אונדזערע קלאַסיקער. ב. צוקערמאַן, פאַר-זיצער פון אָונט.

ג.—שבת אָונט, דעם 11טן אָקטאָבער, האָט דער קולטור קלוב דערוויילט זיינע באַאַמטע פאַרן יאָר 1952-53. די הויפּט-באַאַמטע: ה. רויזענבלאַט, ערן-פּרעזידענט; י. פרידלאַנד, פּרעזידענט; מ. ל. קאָפּעלאָף, עקזעקוטיוו און פינאַנץ-סעקרעטאַר.

ד.—שבת אָונט, דעם 18טן אָקטאָבער—אָפיציעלע דערעפענונג פונם 27טן זמן פון קולטור קלוב. אין קאָנצערט פּראָגראַם נעמען אַנטייל: פייגעלע פּאַניץ, אין פאָלקס-לידער, באַגלייט פון יודזשינאַ ברומאַן; אַברהם זיגלבוים, אין פאָר-לייענונגען און רעציטאַציעס; קאַרל אורשטיין, באַוואוסטער בעל-מנגן, אין פאָלקס-לידער; י. פרידלאַנד, פאָרזיצער, אין אַ דערעפענונגס-וואָרט. יערלעכער נומער „חשבון" איז אַרויס פון דרוק און פאַרטיילט פאַרן עולם.

ה.—שבת אָונט, דעם 25טן אָקטאָבער, באַוואוסטער לעקטאָר, פּר. געלבערג, איבער דער טעמע: „פעלקער, לענדער, און די יידן אין דרום אַמעריקע."

ו.—שבת אָונט, דעם 1טן נאָוועמבער, איז געפייערט געוואָרן דער 75 יאָריקער געבוירנטאָג פון אונדזער געוועזענעם סעקרעטאַר און אַקטיווער קולטור-טוער, חבר ש. ברייניז. אין פּראָגראַם פון אָונט נעמען אַנטייל: יעקב ניומאַן, באַקאַנטער וואָרט-קינסטלער; נעמי ניומאַן, טאַלאַנטירטע פאָלקס-זינגערין, באַ-גלייט פון שולמית ניומאַן. באַגריסונגען פון קולטור אָרגאַניזאַציעס. פאָרזיצער פון אָונט—מ. ל. קאָפּעלאָף.

ז.—שבת אָונט, דעם 8טן נאָוו.—דערעפענונג פון חודש פאַרן יידישן בוך, איינגעאָרדנט בשותפות מיט דער ביוראָ פאַר יידישער דערציאונג. אין פּראָגראַם פון אָונט האָבן זיך באַטייליקט: דר. ש. דיניז, דירעקטאָר פון ביוראָ פאַר יידישער דערציאונג, מיט אַ רעפעראַט: „יידישע ליטעראַטור און דער מאָראַלישער קריזיס פון אונדזער צייט." משה ליבמאַן, באַוואוסטער געלערנטער: איבער „מענדעלע און ביאַליק." יעקב אַלקאָוו, פאָרזיצער פון ביוראָ פאַר יידישער דערציאונג, איז עוועזן פאָרזיצער פון אָונט, און בען צוקערמאַן באַגריסט די דערעפענונג פון ודש פאַרן יידישן בוך, אין נאָמען פון יידישן קולטור-קלוב. אין משך פון חודש ן געוועזן אַן אויסשטעלונג פון באַוואוסטע מאָלער פון זייערע קונסט-שאַפונגען: קס באַנד, אָסקאַר וואַן יונג, עדמונד קאָהן, סאַול, קאָוונער-גראָדסקי, און רובין ישראל. די אויסשטעלונג איז איינגעאָרדנט געוואָרן דורך דער באַמיאונג פון טעאַטראַל און קונסט-זאַמלער, מרדכי מייזל, מיטגליד פון קולטור-קלוב. משך פון גאַנצן חודש איז דעם יאָר, ווי אַלע יאָר, אויך געוועזן אַ גאָר פּראַקטיקע שטעלונג פון יידישע און העבראַישע ביכער, קונסט-אַלבאָמען און יקר-אותן, צוגעשטעלט און אונטער דער אויפזיכט פון דעם חשובן קולטור-עסקן, רעליק. ביי די קולטור-אָונטן פון חודש איז סטימולירט געוואָרן דער קויף יידיש בוך. ביי דער געלעגנהייט ווילן מיר עפנטלעך אויסדריקן אונדזער קן דאַנק און אויפריכטיקע אַנערקענונג צו פר. האַרעליקן, פאַר זיין באמת כע און פאַרדינסטפולע ארבעט לטובת דער פאַרשפּרייטונג פון יידישן בוך.

ח.—שבת אָוונט, דעם 15טן נאָוועמבער, ווערט דורכגעפירט דער 80 יאָריקער יובל פון דעם באַרימטן שריפטשטעלער און דראַמאַטורג, וועטעראַן פון דער יידישער ליטעראַטור, דוד פּינסקי. אין פּראָגראַם פון אָוונט נעמען אנטייל: י. פרידלאַנד, וועלכער עפנט די פייערונג מיט ביאָגראַפישע און ביבליאָגראַפישע באַמערקונגען פון פּינסקיס שאַפונגען. ש. האָכבערג—אין אַ לענגערע אָפּהאַנדלונג פון פּינסקיס ווערק. זיגמונד ליעוו—אין פאָרלייענונגען פון פּינסקין.

ט.—שבת, דעם 22טן נאָוועמבער, ווערט דורכגעפירט אַן אָוונט פון יידישן פאָלקלאָר, אין וואָרט און געזאַנג. י. ל. מאַלאַמוט האַלט געשפּאַנט דעם עולם מיט זיין ריידן וועגן יידישן פאָלקס־ליד אין פאַרשידענע צייטן, אילוסטרירט מיט געזאַנג. יואל גערסאָן, דער פיין־געשולטער פאָלקס־זינגער, אין יידישע פאָלקס־לידער; פּיאַנאָ באַגלייטונג פון בערטאַ גערסאָן.

י.—שבת אָוונט, דעם 29טן נאָוועמבער, איז דורכגעפירט געוואָרן דעם צוואַנציק יאָריקער אָנדענק פון באַרימטן דיכטער, משה לייב האַלפּערין. דער אָוונט איז איינגעאָרדנט געוואָרן צוזאַמען מיט דעם לאָס אַנגעלעסער ייוו״א קאַמיטעט. אין פּראָגראַם נעמען אנטייל: פייגעלע פּאַניץ, גלענצענדע אויסטייטשערין פון יידישן ליד, זינגט אַ ציקל פון האַלפּערינס לידער, באַגלייט פון יודזשינאַ ברומאַן. דער חשובער דיכטער, ה. רויזענבלאַט, רעדט וועגן האַלפּערינס שאַפונגען. ליבע אָקון און דער וואָרט־קינסטלער, אַברהם זיגלבוים—אין וואָרט און אין ליד. אימפּראָוויזאַציעס פון מ. ל. האַלפּערין. י. פרידלאַנד—אין ביאָגראַפישע און ביבליאָגראַפישע באַמערקונגען פון האַלפּערינס ווערק.

יא.—שבת אָוונט, דעם 6טן דעצעמבער: אָפּשלוס פון „חודש פאַרן יידישן בוך און ביכער און קונסט אויסשטעלונג. נחום סירקין, באַוואוסטער פידל־קינסטלער, טראָגט פאָר יידישע און קלאַסישע נומערן. דר. מאָנטע סאַלווין, באַוואוסטער קונסט קריטיקער, רעדט וועגן די אַרבעטן פון די באַטייליקטע מאלער אין דער אויסשטעלונג, און וועגן יידישע און אַלגעמיינע קונסט בכלל.

יב.—שבת אָוונט, דעם 13טן דעצעמבער, איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ קבלת פּנים פאַר דעם באַרימטן פילם און בינע קינסטלער, קורט קאַטש. י. פרידלאַנד, פּרעזידענט פון קלוב, באַגריסט דעם קינסטלער קאַטש, און ווייזט אָן זיינע טעאַ ראַלע קינסטלערישע פאַרדינסטן אין דער טעאַטער־וועלט, סיי אין אייראָפּע סיי אין אַמעריקע. קורט קאַטש האָט דורכגעפירט דעם גאַנצן פּראָגראַם אָוונט, מיט אייגנאַרטיקע קינסטלערישע אינטערפּרעטאַציעס פון די שאַפונגען פון אונדזערע קלאַסישע און מאָדערנע שרייבער.

יג.—שבת אָוונט, דעם 20טן דעצעמבער—אַ חנוכה פייערונג און אָוונט יידישן פאָלקס־ליד, אין וואָרט און געזאַנג. מ. ל. קאָפּעלאָף, פאָרזיצער פון אָוונט גיט אַ קורצע אָפּהאַנדלונג פון יום־טוב חנוכה. י. פרידלאַנד אימפּראָוויזירט לעבעדיקע מנורה, מיט אַ גרופּע חברים, באַגלייט מיט געזאַנג. יואל גערסאָן אַ ציקל פאָלקס־לידער; פּיאַנאָ באַגלייטונג—בערטאַ גורסאָן. י. ל. מאַלאַמוט וועגן יידישן פאָלקס־ליד. געדעקטע טישן. געזאַנג בציבור.

יד.—שבת אָוונט, דעם 27טן דעצעמבער—גענעראַלע פאַרזאַמלונג און גרייטונג פאַר דעם ניי־יאָר אָוונט.

טו.—מיטוואָך אָוונט, דעם 31טן דעצעמבער—ניי־יאָר אָוונט. אַרו[…] גלייט דאָס אַלטע יאָר און באַגעגנט דאָס נייע. מוזיק, געזאַנג, בופעט און [...]דיקע און פריילעכע פאַרוויילונג.

טז.—שבת אָוונט, דעם 3טן יאַנואַר, 1953: אַ מוזיקאַליש־ליטעראַר[…] אָוונט לכבוד דער דערשיינונג פון דר. דזשעק אייגענס בוך: „מייט און מיס[…] (אין ענגליש). דר. מייקל סימאָן האָט גערעדט וועגן דעם מעדיצינישן און פ[…] לאָגישן ווערט פון בוך. אין דער מוזיקאַלישער טייל האָבן אנטייל גע[…] אַרטור עטקינס, זינגער; דר. סאול מאַטלין, אַקאָרדיאָניסט; סילוויאַ מא[…] ראַדיאָ און טעלעוויזיע קינסטלערין, אין רעציטאַציעס; מיס עסטערמאַן, פּיאַ[…] און דער מחבר, דר. אייגענס, אין אַ שלוס־וואָרט.

יז.—שבת, דעם 10טן יאַנואַר, איז דורכגעפירט געוואָרן דער יערלעכער „ייוואָ״ אָוונט, וואָס דער קולטור-קלוב אָרדנט איין. אין פּראָגראַם האָבן אנטייל גענומען: נחום סירקין, טאַלאַנטפולער פידל-שפּילער; פּראָפ. משה ליבמאַן, אין אַ רעפעראַט איבער דער טעמע: „די וועלט פון מענדעלע און ביאַליק״; זיגמונט ליעוו, וואָרט-קינסטלער, אין געקליבענע זאַכן. שלמה האָכבערג, דירעקטאָר פון ל. א. ייוו״א קאמיטעט—וועגן ייוו״א. פאַרזיצער פון אָוונט: י. פרידלאַנד. יערלעכער ביישטייער פון הונדערט דאָלער ($100) איז איבערגעגעבן געוואָרן צום ייוו״א קאמיטעט.

יח.—שבת אָוונט, דעם 17טן יאַנואַר, איז דורכגעפירט געוואָרן אַ ליטעראַריש מוזיקאַלישער אָוונט לכבוד דער דערשיינונג פון שמ״ר'ס בוך אין העברעאיש: „שירי שמ״ר וזכרונותיו״. אין פּראָגראַם האָבן אנטייל גענומען: פייגעלע פּאַניץ, אין פאָלקס-לידער; אַמיראָן ריגעי, באַוואוסטער פּיאַניסט פון ישראל, אין סאָלאָס. קלמן מרמר, באַגריסונג; זלמן זילבערצווייג, וועגן שמר'ן; י. ל. מאַלאַמוט, עסיי וועגן שמ״ר; ראָוז שמ״ר באַטשעלים, אין אַ שלוס-וואָרט וועגן איר באַרימטן פאָטער. י. פרידלאַנד, פאַרזיצער פון אָוונט.

יט.—שבת אָוונט, דעם 24טן יאַנואַר, איז דורכגעפירט געוואָרן אַן אימפּראָוויזירטע לעבעדיקע צייטונג, מיט דעם אינהאַלט פון: עדיטאָריעל, עסיי, לידער, פעליטאָן, דערציילונג, קריטיק, אַפאָריזמען, בריוו אין רעדאַקציע, און אַז. וו. רעדאַקציע: י. פרידלאַנד און י. ל. מאַלאַמוט.

כ.—שבת אָוונט, דעם 31טן יאַנואַר, האָט די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט געפייערט דעם גרויסן יום-טוב פון דעם 75 יאָריקן יובל פון אונדזער חשובן דיכטער, אונדזער בן-עיר, ה. רויזענבלאַט. דער יום-טוב איז געפּראַוועט געוואָרן אין דעם שיינעם ווילשייר-עבעל טעאַטער. דער קולטור-קלוב האָט צוליב דער וויכטיקייט פון דער פייערונג, ניט דורכגעפירט קיין פּראָגראַם אָוונט. נאָך דער פייערונג אין טעאַטער, איז אַ גרויסער עולם, פריינט פון דיכטער, זיך צוזאַמענגעקומען אין קולטור-קלוב, פאַרענדיקן דעם גרויסן יום-טוב ביי געגרייטע שיין-געדעקטע טישן.

כ״א.—שבת אָוונט, דעם 7-טן פעברואַר, האָט דער באַוואוסטער קאַנטאָר און גלענצענדער לעקטאָר, לייב גלאַנץ, רעפערירט איבער דער טעמע: „חסידישע מוזיק״, און די באמת פיינע טאַלאַנטירטע פּיאַנאָ קינסטלערין, זעלמא קרעמער, האָט פאָרגעטראָגן אַ צאָל קלאַסישע און יידישע קאָמפּאָזיציעס.

כ״ב.—שבת אָוונט, דעם 14טן פעברואַר, האָט דער באַוואוסטער געלערנטער ון שריפטשטעלער, אַבא גאָרדין, געהאַלטן אַן אינטערעסאַנטן פאָרטראַג איבער ער טעמע: „פיר שטעט:—ירושלים קעגן רוים; וואַשינגטאָן קעגן מאָסקווע.״

כ״ג.—שבת אָוונט, דעם 21טן פעברואַר, איז דורכגעפירט געוואָרן אַ צאתך לום אָוונט לכבוד די פרידלאַנדס און די בריינינס, פאַר זייער אָפּפאָרן נאָך אל און איירָאָפּע. אין פּראָגראַם פון אָוונט האָבן אנטייל גענומען: די באַליבטע קס-זינגערין, פייגעלע פּאַניץ, פּיאַנאָ באַגלייטונג פון יודזשינאַ ברומאַן. ב ניומאַן האָט פאָרגעטראָגן אַ פראַגמענט פון פרידלאַנדס „רוי-ערד.״ באַ ונגען פון ייוו״א קאמיטעט, פאַרבאַנד, הסתדרות, אַרבעטער רינג און קלוב. יצער פון אָוונט: אונדזער חשובער דיכטער, ה. רויזענבלאַט.

כ״ד.—שבת אָוונט, דעם 28טן פעברואַר—אַ פורים פייערונג. (טעאַטראַליש). ער פּראָגראַם האָבן אנטייל גענומען: יוסף גינזבורג און ה. ראַבינסאָן, אין אַן ענירונג אין גרים. י. ל. מאַלאַמוט האָט פאָרגעלייענט אַ נייע מאָדערנע אַדאָלף פריימאַן און פרוי פריימאַן מיט אַניטאַ פריינדליך האָבן דורכגע ייזענס אַן איינאַקטער. בען צוקערמאַן אין אַ וואָרט וועגן יום-טוב פורים. ער: א. אייראָף.

כ"ה.—שבת אָוונט, דעם 7טן מערץ—אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון דער מיטגלידערשאַפט פון קלוב, ביי וועלכער ס'איז אויסגעהערט געוואָרן באַריכטן פון י. ל. מאַלאַמוט, פון קאַמיוניטי קאָונסיל, פון בען צוקערמאַן, פון „חודש פאַרן יידישן בוך," פון אזאלין, פון קלובס ביבליאָטעק. אַביסל פאָלקלאָר און געזאַנג בציבור.

כ"ו.—שבת אָוונט, דעם 4טן מערץ, לכבוד דעם אָפּשלוס פון חודש פאַר יידישע מוזיק, האָט דער באַוואוסטער פּיאַנאָ קינסטלער, מאָריס ברוידע, רעפע־רירט איבער אַלטע און נייע מוזיק, אילוסטרירט ביי דער פּיאַנאָ, און דער טאַלאַנ־טירטער זינגער, פר. ווינטער, האָט פאָרגעטראָגן יידישע און העברעאישע לידער.

כ"ז.—שבת אָוונט, דעם 21טן מערץ, אַ דוד איידלשטאַט געדענק־אָוונט. עס נעמען אנטייל: מלכה טוזמאַן, אַנערקענטע דיכטערין; הערי לאַנג, באַקאַנטער זשורנאַליסט, פאָרווערטס מיטאַרבעטער; ה. רויזענבלאַט, באַליבטער דיכטער נאָראַ בורשטיין, טאַלאַנטירטע זינגערין—אין אַ ציקל פון עדלשטאַט לידער לאה יאַכנוק און זלאַטע נודעלמאַן, באַגאַבטע תּלמידות פון דער מיטל־שול האָבן פאָרגעלייענט פון עדלשטאַט'ס שריפטן. י. ל. מאַלאַמוט פאָרזיצער פון אָוונט.

כ"ח.—שבת אָוונט, דעם 28טן מערץ, האָט דער באַוואוסטער יידישער גע־לערנטער, אַבא גאָרדין, רעפערירט איבער דער טעמע: „משה רבינו". דער עולם האָט אים שוין אויך געוואונטשן אַ צאתך לשלום.

כ"ט.—שבת אָוונט, דעם 4טן אַפּריל, האָט דער קלוב געפּראַוועט אַ דריטן סדר. איבער דעם יום־טוב פּסח האָט גערעדט חבר שטורעם; יוסף גינזבורג האָט פאָרגעלייענט פון שלום־עליכם. י. ל. מאַלאַמוט—אַ מאָדערנע הגדה און אַן אײַנ־אַקטער: „שווער צו זיין אַ גאָט."

ל'.—שבת אָוונט, דעם 11טן אַפּריל—אַ משה נאַדיר געדענק־אָוונט. עס טרעטן אויף: מרדכי מייזל, באַקאַנטער טעאַטראַל; פּערל פעדער, אַ ראָער, אַנטאָ־פריינדליך, מיטגלידער פון דער ל. א. טעאַטער גרופּע. צוויי אינסצעני־רונגען אויף דער בינע. און, אַן אָפּהאַנדלונג פון מ. פּאָגעל, איבער משה נאַדירס שאַפונגען

ל"א.—שבת אָוונט, דעם 18טן אַפּריל, איז צוליב די יערלעכע טעאַטער אונטערנעמונג פון זלמן זילבערצווייג'ס טעאַטער פאָרשטעלונג, קיין אָפיציעלע פּראָגראַם ניט דורכגעפירט געוואָרן. נאָך דער טעאַטער פאָרשטעלונג איז דער אָוונט פאָרגעזעצט געוואָרן אין קלוב ביי געדעקטע טישן.

ל"ב.—שבת אָוונט, דעם 25טן אַפּריל, איז דורכגעפירט געוואָרן אַ לעקציע איבער שבת. חבר מאַלאַמוט האָט רעפערירט איבער דעם ענין; זיגמונט ליוו באַקאַנטער וואָרט־קינסטלער, האָט געלייענט פון י. י. שוואַרץ'ס „ספר השבת" און דער אַרטיסט, יצחק רויטבלום, האָט רעציטירט.

ל"ג.—שבת אָוונט, דעם 2טן מאַי, קבלת פּנים און קונסט אָוונט לכבוד בן־ארי, דעם באַרימטן קינסטלער פון דער הבימה און מחבר פון קלאַסישן „הבימה". דער גאַסט איז אויפגעטראָטן אין אינסצעני־רונגען פון זיין רעפּערטואַר. י. ל. מאַלאַמוט, פאָרזיצער.

ל"ד.—שבת אָוונט, דעם 5טן מאַי—אַ גענעראַלע פאַרזאַמלונג פון דער מיט־גלידערשאַפט פון קלוב און אַן אינטימע היימיש־ליטעראַרישע פּראָגראַם, געזאַנג בציבור.

ל"ה.—שבת אָוונט, דעם 6טן מאַי, איז דורכגעפירט געוואָרן אַ ליטעראַרישער אָוונט, אין וועלכן ס'האָבן אנטייל גענומען די חברים מרדכי מייזל און י. ל. מאַלאַ־מוט. פאָרזיצער פון אָוונט איז געווען אונדזער סעקרעטאַר, מ. ל. קאַ... וואָס ער האָט ביי דער געלעגנהייט אַרומגערעדט דעם ענין פון אונדזער ... לטובת די יערלעכע אויסגאַבע פון זשורנאַל „חשבון." דער אָוונט איז פאַר... געוואָרן ביי געדעקטע טישן מיט געזאַנג בציבור.

ל״ו.—דער טראַדיציאָנעלער יום־טוב שבועות איז דורכגעפירט געוואָרן אין דעם אָוונט פון שבועות, דינסטיק דעם 19טן מאַי. עס האָבן אנטייל גענומען יעקב ניומאַן, באַוואוסטער וואָרט קינסטלער, אין שבועות׳דיקע נומערן, נעמי ניומאַן, באַליבטע סאָליסטין, אין געזאַנג, באַגלייט פון איר שוועסטער, שולמית, מ. פאָגעל—לעקציע איבער שבועות. י. ל. מאַלאַמוט האָט געלייענט אַ קאַפּיטל רות, תרגום יהואש; און . . . בלינצעס לכבוד שבועות.

ל״ז.—שבת אָוונט, דעם 25טן מאַי, ווערט דורכגעפירט אַן אברהם רייזען געדענק־אָוונט. דער באַרימטער דיכטער ה. רויזענבלאַט, לייענט אַן עסיי איבער אַברהם רייזען; פייגעלע פאַניטש זינגט אַ ציקל פון אַברהם רייזענס לידער; די דיכטערין, אסתר שומיאַטשער, האָט פאָרגעלייענט פון רייזענס לידער; דער דיכטער מאַטעס דייטש האָט געלייענט אַן עסיי איבער רייזענען. אַ רייזען איינ־אַקטער אויפגעפירט פון מרדכי מייזל, א. ראָער, פערל פעדער און אַניטאַ פריינד־ליך. י. ל. מאַלאַמוט, פאָרזיצער.

ל״ח.—שבת אָוונט, דעם 30טן מאַי—אַ קבלת פנים לכבוד די פרידלאַנדס. חבר פרידלאַנד, אונדזער פרעזידענט, האָט אַרומגערייזט ישראל און אייראָפּע, און צום קבלת פנים האָט ער איבערגעגעבן אַ לענגערן באַריכט וועגן די איינדרוקן זיינע פון מדינת ישראל. אין דער קינסטלערישער טייל פון פּראָגראַם האָט אנטייל־גענומען די באַוואוסטע פידל־קינסטלערין, סאָניאַ וויאָלין. ס׳האָבן באַ־גריסט דעם גאַסט, דער דיכטער ה. רויזענבלאַט, און שלמה האָכבערג, פון ל. א. ייוו״א קאָמיטעט.

ל״ט.—שבת, דעם 6טן יוני, איז דורכגעפירט געוואָרן אַ ליטעראַריש מוזי־קאַלישער אָוונט. ס׳האָבן אנטייל גענומען: עמוס הירשביין, האָט זייער טאַלאַנטפול פאָרגעטראָגן אַ ציקל פּיאַנאָ סאָלאָס; מרדכי מייזל האָט פאָרגעלייענט פון י. ל. פּרץ; י. פרידלאַנד האָט פאָרגעלייענט פון זיין נאָטיץ־בוך רעפּאָרטאַזש: „פון לאָס אַנגע־לעס ביז פּאַריז״; אניטא פריינדליך, שוישפּילערין און פאָלקס־זינגערין, האָט פאָרגעטראָגן אייניקע לידער, פּיאַנאָ באַגלייט פון דר. סטוירן.

מ׳.—שבת אָוונט, דעם 13טן יוני, איז דורכגעפירט געוואָרן דער טראַדי־ציאָנעלער שלום־עליכם געדענק־אָוונט. די ל. א. טעאַטער גרופּע אונטער דער רעזשי פון דעם באַוואוסטן אַרטיסט, אליהו טענענהאָלץ, האָט אויפגעפירט „טוביה דער מילכיקער״ פון שלום עליכם. די באַטייליקטע אין דער טעאַטער־שפּיל זיינען געווען: טוביה—אליהו טענענהאָלץ; גאָלדע—שרה טייטלבוים; צייטל — פערל פעדער; חוה—אַניטאַ פריינדליך; מיקיטאַ—אַברהם ראָער; פעדיאַ — עמוס הירשביין; סטאַרשינאַ—משה מאַנדלבוים; סטאַראָסטאַ—פרידל פּאָטאָווסקי; אוראַדניק — יהושע הורוויץ; זאַזוליאַ — ה. ראַבינסאָן; גלח — מאָטעלע מייזל. שלום עליכמ׳ס צוואה איז געלייענט געוואָרן פון אליהו טענענהאָלץ.

מ״א.—צוליב דער וויכטיקייט פון דער פּאַראייניקטער מיטל־שול סיום הזמן אין דעם גרויסן מוזישאַנס זאַל, שבת דעם 20טן יוני, איז דער קלוב געווען צו־עמאַכט און איבערגעטראָגן געוואָרן אויף זונטיק, דעם 21טן יוני, מיט א קבלת נים פאַר די חברים בריינין, לכבוד זייער צוריקקער פון ישראל און אייראָפּע. ׳האָבן גענומען אנטייל אין פּראָגראַם פון אָוונט: לעאָן פילד, וויאָליניסט פון עטראָיטער סימפאָניע; אַניטאַ פריינדליך, זינגערין, באַגלייט אויף דער פּיאַנאָ ן דר. סטוירן; יוסף גינזבורג, אין הומאָריסטישע פאָרלייענונגען. דער אָוונט ן איינגעאָרדנט געוואָרן פון דער פרויען גרופּע פון יידישן קולטור־קלוב. א לערנער, פאָרזיצער.

מ״ב.—שבת אָוונט, דעם 27טן יוני—סיום הזמן פון 27טן יאָר פון קולטור וב. י. פרידלאַנד, פּרעזידענט פון קלוב, ברענגט אַ לענגערן באַריכט פון דעם טן זמן פון קלובס אַקטיוויטעט. די באַרימטע פידל־קינסטלער, מישאַ און יאַ וויאָלין; פייגעלע פאַניטש, די פיינסטע אויסטייטשערין פון יידישן פאָלקס־ ; זיגמונט ליעוו, באַוואוסטער וואָרט־קינסטלער, אין פאָרלייענונגען.

# קולטורעלע מאַנטיקס

דער לאָס אַנגעלעסער יידישער קולטור־קלוב האָט פאַר אַ לענגערע צייט אָנגעפירט מיט די באַוואוסטע קולטורעלע דאָנערשטיקן. ליידער אָבער איז דער באַזוך צו די דערמאָנטע דאָנערשטיק אָוונטן ניט געווען אַזוי ווי מ׳האָט באמת געוואונטשן. פאַר די לעצטע פאָר יאָר זיינען די מאָנטיקדיקע פאַרוואַלטונג זיצונגען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קולטורעלע צוזאַמענקונפטן, דאָס הייסט, נאָך אַ קורצער געשעפט־זיצונג ווערט נאָכדעם דער גאַנצער אָוונט געווידמעט צום לעקטאָר אָדער איינלייטער, איבער אַ וויכטיקן, אינטערעסאַנטן ענין. דער דאָזיקער עקספּירימענט האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין זייער הצלחהדיק. מיט גלידער פון דער פאַרוואַלטונג און פון קלוב בכלל קומען מיט זייערע פריינט צו אָט־די קולטורעלע מאָנטיקס, און די באַזוכערשאַפט איז זייער און זייער צופרידנשטעלנדיק.

לעצטן זמן האָבן זיך באַטייליקט מיט לעקציעס און איינלייטונגען ביי די קולטורעלע מאָנטיקס, די פאָלגנדיקע, מיט איין אָדער מער לעקציעס: נ. אזאל... י. פרידלאַנד, י. ל. מאַלאַמוט, בען צוקערמאַן, מ. פּאָגאָרעלסקי, יוסף גינזבור... דר. אייגענס, אַבא גאָרדין, רבי קאַפּלאַן, א. דאָרין, ש. האָכבערג, ט. פּריס... סערע מענדעל, חברה שוואַרגער, מישאַ שוואַרגער, עזרא גודמאַן, א. דוב... ש. בריינין, ראָוז באַלאָט, חברה בוירנס, פּינטשע בערמאַן, און חבר י. קאַלע...

אַרום־און־אַרום האָבן מיר אַ סך־הכל פון 42 שבת־צו־נאַכטן, מיט ליטעראַרישע מוזיקאַלישע קאָנצערטן, יום־טובים פייערונגען און שרייבער־אָוונטן; א... 48 קולטורעלע מאָנטיק אָוונטן, מיט איינלייטונגען און רעפעראַטן איבער יידיש... קולטורעלע און ליטעראַרישע ענינים.

---

## דערשינענע אויסגאבן פון ל. א. יידישן קולטור קלוב

„בולעטינען״ (קולטור כראָניק) ניט פּעריאָדישע.

„אונדזער וואָרט״, חודש זשורנאַל, פאַר קולטור און געזעלשאַפטלעכע ענ... דערשינען 4 נומערן: מערץ, אַפּריל, מאי און יוני, 1939. רעדאַקציע... לעגיום: ה. רויזענבלאַט, י. פרידלאנד און ה. גאלדאווסקי ע״ה.

„חשבון״, צום אויפבוי פון נייעם בנין. 120 זייטן, 1946. רעדאַקציע: ה... זענבלאַט, י. פרידלאנד און א. טענעהאָלץ.

„ידיעות״, 12 זייטן, 1948.

„סטודיאָ״, קונסט־אַלבום צו דער דערעפענונג פון דער פאַרגרעסערטער ליאָטעק. קונסט בילדער פון מאקס באַנד, באָריס דויטש, טשארלס ש... בערנארד סופר און בערל סאטט.

„חשבון״, צום 25 יאָריקן יובילייי פון ל. א. יידישן קולטור קלוב, 104 1951. רעדאַקטירט: ה. רויזענבלאט און י. פרידלאנד.

„חשבון״, דריטער נומער, 52 זייטן, 1952. רעדאַקטירט: י. פרידל... באביטש.

„חשבון״, פערטער נומער, 80 זייטן, 1953. רעדאקטירט : י. פרידלאַ... מאלאמוט.